114 Invermay Avenue
Downsview, Ontario
Canada
M3H 1Z8

י"ב מ"א תש"ם

ליבער [illegible]

ש-כוח פאר אייער בריוו פון ד' אייר און אייער קארטל
פון בעלפאסט פון 24סטן אפריל. איך האב אייך

נישט באלד גישריבן, ווייל איך האב אייך גיוואלט געבן
א פרטימדיקן ענפער.

לאנגע וואקאלן אין נישט-אקצאנטירטע טראפן אין עלטסטן
יידיש? אדער האט איר ראיות, אז אונדזער אקצענט איז
שוין גיווען אין צרפתיש? שֵׁידים. כוּתסות, פרטים?

"ראשי-פרקים וועגן מערבדיקן יידיש": מכוח קראקע –
מ"וו זאגט: "איך בין נוטה צו מיינען, אז מיטן קראקעווער
ראיאן איז געשען, אין א ביסל א פריערדיקער צייט. דאס
אייגענע וואס מיט בענדינער" או"וו. ער דערציילט אונדז
אבער נישט. פאר וואס ער איז נוטה. אָן א ראי' און
אפילו אָן אן אסמכתא טויג דער איין-פאל גאר נישט און
מע טאר קראקע נישט ארויף שטעלן אף א היסטארישער מאפע
און אוודאי און אוודאי נישט אף א ניי-יידישער. ~~אריב~~
(ד) איך שיק אייך באזונדער צען סעפעראטלעך און פיר
ביכלעך. און עטלעכע קסעראקאפיעס. אין דער ביבליא-
גראפיע אין YSG קענט איר גיפינען אלדינגס, וואס איך
האב גידרוקט וועגן יידיש. וועגן אנדערע עינינים איז
נישטא קיין עיצה. ארויס שרייבן א ביבליאגראפיע
איז מיר בשום אופן נישט מעגלעך.
די צוויי בענדער פון מיין פאלעאגראפישן חיבור זענען
פאראן אין דער בריטישער ביבליאטעק. מע קען דאס אויך
קויפן, ס_איז אבער זייער טייער. מיינע פאלעאגראפישע
ארטיקלען זענען ס-רוב ארויס אין Palestine Explor- ation
אין די פופציקער און זעכציקער יארן. Quart.

איר דערמאנט צוויי "אומדאטירטע בלעטלעך קאפירטע
פון בריטישן מוזיי" (פון מיין דייטשער ארביט וועגן
תהילים). הייסט דאס מן-הסתם, איר האט זיי קאפירט.
קומט אויס, אז זיי האבן דאס גאנצע. איך קען מיר
נישט מאלן, אז זיי האבן צוויי בלעטלעך.

איר זענט א"גרויסער עם-הארץ" אין דער העברעאישער
פאלעאגראפיע? איר דארפט נישט אראפ פאלן ביי אייך. איר
זענט נישט דער איינציקער, אין דעם זענט איר גלייך

מיט אלימין. קיין אמתדיקע, פרטימדיקע ארביט וועגן
כתב עיברי און כתב אשורי, אף א סיסטעמאטישן אופן,
איז קיין מאל נישט גיוועז, ביז אני הקטן האב כאטש
אן גיהויבן (און נישט פארענדיקט), ווייל איין דור
קלעקט נישט דעראף). און אף וויפל איך ווייס, איז
היינט נישטא קיין איינער, וואס זאל ממשיך זיין מיין
ארביט, נישט פון די עטלעכע תלמידים, וואס איך האב
גיהאט אין School of Oriental and African Studies
און נישט קיין אנדערע.

מאכט Sigmund Feist S.F.

(ו') ~~בחץ~~, ~~לחש~~, יא: כֵּילב און רירוח, אבער שקר(שעירער).

(ז) יחץ, לחש, נחת: קורץ. ירושלים: לאנג, ווי אלע מאל ביי
י'.

איר האט מן-הסתם אליין פארשטאנין, אז דאס ארטיקל אין
Jüd. Lexikon איז באארביט פון מיין ארטיקל אין U.J.E.
(וואס איר קענט אויך זען אין דער בריטישער ביבליאטעק).
איך בין גיווואר גיווארן עטלעכע יאר נאך דעם, ווען די
ענציקלאפעדיע איז ארויס. (זע YSG, ז' 322 הערה.)

אז אפן שער-בלאט פון ~~ממא~~ צווייטן דרוק פון מיין
גראמאטיק שטייט durchgesehen און פונים דריטן
שטייט ergänzt, אין דעם בין איך נישט שולדיק.
דאס האט גיטון דער ארויס-געבער, כאטש די שינויים
זענין נישט מער ווי 0.0001 פראצענט. ביי מער שינויים
וואלט אים דאך א סך מער גיקאסט, ניי צו זעצן.

איר האט דערמאנט אייער פאטערס נאמין. האב איך פלוצים
גיקריגן דערפון (א ענפער) אף א שאלה, וואס איך האב נישט גיהאט
גיפרעגט: איך קען א נאמין "מענקעס", אבער איך האב
קיין מאל נישט גיקלערט וועגן דער עטימאלאגיע. אצינד
זע איך, אז ער נעמט זיך פון "מענקע" (איך רעכן, אז
מעינקע" איז פון"מענקע"). האב איך שוין גיפרעגט:
און וואס איז "מענקע"? איז מיר תומ'ן קלאר גיווארן:
מענקע : ? = פישקע : פישל. איז דער פועל-
יוצא (פאקטיש) - מענקע איז מענדל. ביי אייער פארשטייט זיך
דאס אוודאי פון אליין. הייסט ער טאקי מנחם?

מיט די בעסטע גרוסן

אייער
שלמה בירנבוים

Air Mail Par avion

POSTES CANADA POST
27 VII
1980
L9W 1T0




D.Katz Esq.
21 Lydford Road
Willesden Green
London N.W.2
England